בחקותי (בהר בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 93

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רײנער קוואל

**א גוטן שבת פאר אַלע לעכטיגע קינדער.**

די וואָך הייבט די תּוֹרָה אָן "אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ" אַז מען וועט היטן די תּוֹרָה וועט קומען גאָר גוטע בְּרָכוֹת און מַתָּנוֹת אויף אידישע קינדער, אָבער "וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ – אויב מען וועט נישט צוהערן וועט קומען חָלִילָה פאַרקערט.

חֲזַ"ל זאָגן אויפן פָּסוּק "עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ - פאַרוואָס איז דאָס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ חָרוּב געוואָרן?" מען איז געגאַנגען פרעגן די קַשְׁיָא פון אַלע חֲכָמִים און נְבִיאִים ביז דער אויבערשטער אַליין האָט געענטפערט: "וַיֹּאמֶר ה' עַל עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי - ווייל די אידן האָבן אָפּגעלאָזט די תּוֹרָה". חֲזַ"ל זאָגן אַז דאָס מיינט אַז זיי האָבן נישט געזאָגט 'בִּרְכַּת הַתּוֹרָה' פאַרן לערנען.

אַלע וואונדערן זיך, די חֲכָמִים האָבן דען נישט געוואוסט אַז די אידן האָבן פאַרלאָזט די תּוֹרָה און מִצְווֹת און עס קען וועגן דעם קומען אַ חוּרְבָּן? משֶׁה רַבֵּינוּ האָט דאָך קלאָר געזאָגט "אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ.. וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ".

נאָר ווען דער אויבערשטער האָט געפרעגט די חֲכָמִים: "פאַרוואָס איז דאָס לאַנד חָרוּב געוואָרן?" האָט ער מיט דעם קַשְׁיָא געוואָלט עס זאָל אַרויסקומען אַ טוֹבָה און אַ תַּכְלִית פון די קַשְׁיָא. מיר זאָלן אַרויסנעמען גוטע עֵצוֹת. "וויאַזוי קען איך יעצט פאַררעכטן אַלע קִלְקוּלִים וואָס האָט געברענגט דעם חוּרְבָּן?" און די טיפע שְׁאֵלָה האָבן די חֲכָמִים נישט געוואוסט צו ענטפערן. ווייל וואָס איז שוין געשען איז דאָך שוין געשען! וואָס אַ חִילּוּק פאַרוואָס און דורך וועם איז עס חָרוּב געוואָרן, ס'איז דאָך שוין מער נישט דאָ?

דער אויבערשטער האָט אָבער יאָ געוואָלט מיר זאָלן טיפער אַריינטראַכטן, מען זאָל גוט פאַרשטיין וויאַזוי מען קען אַרויסגיין פון אַלע שאָדנס וואָס האָט געברענגט דעם חוּרְבָּן, און טאַקע נאָר דער באַשעפער האָט געקענט דאָס מְגַלֶּה זײַן ווייל ס'איז זייער טיף אַז מיר וואָלטן נישט געקענט דאָס אַליין פאַרשטיין.

ס'איז טאַקע אֱמֶת אַז די אידן האָבן ליידער עוֹבֵר געווען אויף גרויסע עֲבֵרוֹת און געדינט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבער טיף האָט זייער האָרץ נאָך געברענט צום אויבערשטן ווייל "גרויסע וואַסערן און טייכן קענען נישט פאַרלעשן די ליבשאַפט צווישן אידן מיטן אויבערשטן".




דערפאַר וואָלטן די אידן זיך געדאַרפט שטאַרקן צו לערנען כאָטש אַביסעלע הֲלָכוֹת אֲפִילוּ איינס צוויי, יעדן טאָג, אָבער ליידער האָבן די אידן דאָס אויך נישט געטון, "וְלֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹלִי" זיי האָבן אויך נישט צוגעליינגט דאָס אויער צו הערן דעם אויבערשטנ'ס קול וואָס שרייט אין האַרץ פונעם איד יעדן טאָג און יעדן צייט מען זאָל תְּשׁוּבָה טוּן.

המשך אויף זייט 6

מַר וָואלְפְסוֹן אַ בַּאוואוּסְטֶער עוֹשֶׁר אִין חַבַּ"ד, הָאט גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט לֶענִינְגְרַאד. וֶוען זַיין בָּחוּר אִיז אוֹיפְגֶעוואַקְסְן הָאט עֶר אִים גֶעשִׁיקְט לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה אִין שְׁטָאט קִיֶעוו. עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אַז זַיין זוּן לֶערְנְט פְלַייסִיג אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער לַיידֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען גְרִיסְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה אוּן נִישְׁט נָאר וָואס עֶר אִיז נִישְׁט בֵּין כּוֹתְלֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז עֶר גָאר גֶעוָוארְן אַ גַּנָּב רַחֲמָנָא לִיצְלָן!

דֶער טַאטֶע הָאט גֶעלֵייגְט אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִין דֶער זַייט אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין קִיֶעוו, עֶר מוּז זִיךְ זָאפָּארְט טְרֶעפְן מִיט זַיין בָּחוּר. אַז דֶער בָּחוּרְ'ל הָאט לַיידֶער פַארְלוֹירְן דֶעם גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט עֶר זִיכֶער פַארְגֶעסְן פוּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ וָואס קוּמְט פַאר תּוֹרָה, וֶוען הָאט גֶעהֶערְט אַז זַיין טַאטֶע קוּמְט אִים בַּאזוּכְן הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם טַאטְן. דֶער טַאטֶע דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִין שְׁטָאט אִין אַלֶע עֶרְטֶער אִין קְלֵיינֶע אוּן אִין דִי גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן עֶר זוּכְט אִים אַרוּם וואוּ מֶען זוּכְט אַ גַּנָּב, אָבֶּער דֶער בָּחוּר אִיז נִישְׁט צוּם בַּאקוּמֶען! דֶער טַאטֶע וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ פוּן גְרוֹיס צַעַר.



א שול אין לענינגראד

אַזוֹי זוּכְנְדִיג זַיין זוּן אוּמֶעטוּם אִין אַלֶע ווִינְקְלֶען בַּאגֶעגְנְט עֶר אוֹיפְן וֶועג ר' הִירְשׁ לֵייבּ לִיפֶּל ז"ל. דֶער עוֹשֶׁר כַאפְּט אַ שְׁמוּעֶס מִיט רֶבִּי הִירְשׁ לֵייבּ אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים זַיין פַּארְוַויטָאגְטֶע הַארְץ. ר' הִירְשׁ לֵייבּ הֶערְט אִים אוֹיס אוּן הָאט מִיט אִים גְרוֹיס מִיטְלַייד, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "זָאלְסְט ווִיסְן אַז אַלֶע אֲבֵדוֹת לִיגְן בַּיים צַדִּיק, אַזוֹי שְׁטֵייט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן קפ"ח!" הֶער אוֹיס מַיין עֵצָה קוּם מִיט מִיר קַיין אוּמַאן, מִיר וֶועלְן מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן אוֹיף דֶעם וַוייטָאגְלִיכְן פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער עוֹשֶׁר הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט צוּ דֶעם עֵצָה אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט ר' הִירְשׁ לֵייבּ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל. שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס קֶבֶר הָאט דֶער טַאטֶע פוּן גְרוֹיס צַעַר זַייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעכְלִיפֶּעט, בִּיז עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין אַנְטְלָאפֶענֶער זוּן, וֶועט עֶר זִיךְ אוּמְקֶערְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְאֵיינֶעם מִיטְן בָּחוּר צוּ וַויילְן בַּיים קִבּוּץ מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט.

נָאכְן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ אִיז אִים גְרִינְגֶער גֶעוָוארְן, עֶר שְׁטֶעלְט זַיינֶע טְרִיט צוּרִיק קַיין קִיֶעוו. ווִי נָאר עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט קִיֶעוו אִינֶעם גֶעגְנְט וואוּ זַיין זוּן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִיז דֶער זוּן אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעלָאפְן מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיפְן טַאטְן מִיט בְּכִיּוֹת מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי: "טַאטֶע, טַאטֶע, וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען?! אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִיר!".

דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעהַאלְטְן וָוארְט, אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר טַאקֶע גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיטְן בָּחוּרְ'ל אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. זִינְט דַאן זֶענֶען דִי צְוֵויי דֶער טַאטֶע מִיטְן בָּחוּר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶּרֶךְ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צַאמְגֶעבְּרֶענְגְט דִי פַארְלוֹירֶענֶע אֲבֵדָה צוּם רִיכְטִיגְן אָרְט. וֶוען אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען אַז יֶעדֶער דִּבּוּר פוּן רֶבִּי'ן אִיז לֶעבֶּעדִיג אוּן דֶער רֶבִּי שְׁטֵייט הִינְטֶער דֶעם אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט יָאר שְׁפֶּעטֶער, אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַן אָפֶענֶער נֵס אוּן אַ מוֹפֵת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶס אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעוֶוען דִי הוּנְגֶער יָארְן אִין אוּמַאן פְלֶעגְט דֶער עוֹשֶׁר שִׁיקְן מִיט זַיין בְּרֵייטֶע הַאנְט, עֶסְן אוּן קְלֵיידוּנְג פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, וַוייל אִין לֶענִינְגְרַאד הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְשְׁט אַזַא הוּנְגֶער ווִי אִין אוּקְרַיינֶע.

# דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פֶּסַח אִין יְרוּשָׁלַיִם בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן גָאר הוֹיכֶע פְּלַאץ אוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ גְלָאז אוּן זִיךְ גוּט צֶעקְלַאפְּט אוּן עֶס הָאט מִיר זַייעֶר שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּן. אַפָּאר טֶעג אִין אַ צִי הָאב אִיךְ גֶעהַאט וֵוייטָאגְן אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן בְּלוּט. הָאב אִיךְ גֶעדַאוְונְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אַ פֶּערְטְל שָׁעָה אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מַיין תְּפִלָּה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אוּן עֶס אִיז בִּיז אַ טָאג אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעבְּלִיבְן קַיין סִימָן פוּן דֶער קְלַאפּ. זֶעט מֶען אַז דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן זֶענֶען שְׁטַארְק מְחַזֵּק אוּן עֶס הֶעלְפְט.

**נַחְמָן, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

# נִישְׁט מוּטְשֶׁען דִי עֶלְטֶערְן

אַ טָאג פַאר דֶער סִיּוּם סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן פּוּנְקְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְזֻמָּן צוּ קוֹיפְן אַ קַארְטְל צוּם קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּם סִיּוּם, הָאב אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען קוֹיפְן אַ קַארְטְל. אוֹיךְ הָאב אִיךְ גֶעגֶעבְּן צְדָקָה אַ שֶׁקֶל אַז אִין דֶעם זְכוּת זָאל אִיךְ קֶענֶען גֵיין צוּם סִיּוּם, שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעפִּירְט אַז אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען דֶעם גַאנְצְן סְכוּם צוּ קוֹיפְן אַ קַארְטְל.

— —

# מֶען הֶערְט אוֹיבְן מַיין קוֹל




מַיין נָאמֶען אִיז רְאוּבֵן. אִיךְ הָאב אַ בּוּקְסֶע (הוֹיכְהִילְכֶער, סְפִּיקֶער) וָואס הָאט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט, הָאב אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן עֶס הָאט וַוייטֶער נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט. הָאב אִיךְ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַסַאךְ אַסַאךְ אַז זִיכֶער

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן. אִיךְ הָאב זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען נָאר וַוייטֶער גֶעדַאוְונְט. אֵיין טָאג הָאב אִיךְ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אוּנְטֶערְן דַאכֶענֶע. בִּיז אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶס שׁוֹין גֶעאַרְבֶּעט.

מֶען זֶעט קְלָאר אַז מֶען קֶען בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

# הִתְפַּלַּלְתָּ וּמָצָאתָ תַּאֲמִין

אִיךְ הָאב פַארְלוֹירְן עֶפֶּעס אַ זַאךְ, אוּן אִיךְ הָאב דָאס אַרוּמְגֶעזוּכְט הֶעכֶערְן שַׁאפֶע אוּנְטֶערְן שַׁאפֶע, וואו אִימֶער מֶען קֶען נָאר זוּכְן אָבֶּער אִיךְ הָאב עֶס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. הָאב אִיךְ גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל עֶס טְרֶעפְן", וִוי נָאר אִיךְ גִיב זִיךְ אַ דְרַיי אוֹיס, הָאב אִיךְ עֶס גֶעטְרָאפְן.

אִיךְ דַאנְק דִיךְ אוֹיבֶּערְשְׁטֶער.

**יוֹאֵל צְבִי**




טייערע קינדערלעך!
אזוי ווי נישט אלע קינדער האבן געקענט הערן נאך די בחינות דער שמועס מיטן מלמד פון ניו דשערסי, עס האט זיך אפגעהאקט פאר עטליכע קינדער, לייגן מיר דעם שמועס אויפן קנעפל 2234 # פונעם הויפט ארייננגאנג. הערט און האט הנאה.



## המשך פון פאריגע וואך

**אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יָאר תשכ״ז**

דוּרְכאוֹיס דֶעם גַאנְצְן וֶועג הָאט דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט תְּהִלִּים מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת און גֶעבֶּעטְן פוּן מַיין מַאן און מִיר אַז מִיר זָאלְן זִיךְ מְצָרֵף זַיין מִיט זַיינֶע בַּקָשׁוֹת און תְּפִלּוֹת אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל.״

נָאךְ אַ לַאנְגֶע און שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה קוּמְט מֶען עֶנְדְלִיךְ אָן קַיין מִירוֹן. דִי גַאסְן זֶענֶען פּוּסְט און פַארְ׳יָתוֹמְ׳ט עֶס דֶערְקֶענְט זִיךְ נִישְׁט קַיין נֶפֶשׁ אַחַת. אַנְשְׁטָאט דִי לֶעבֶּעדִיגֶע הֲכָנוֹת ווִי מֶען גְרֵייט זִיךְ מִיט פֵייעֶרְדִיגֶע הֲכָנוֹת צוּם הֵיילִיגְן הִלּוּלָא אַזוֹי ווִי אַלֶע יָאר, אַנְשְׁטָאט צוּ זֶען דִי עוֹלֵה רְגָלִים וָואס זַאמְלֶען זִיךְ אֵיין פוּן אַלֶע שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן מִירוֹן פַארְלָאזְט און פַארְווִיסְט. אַ לֶעבֶּעדִיגֶע זֶעל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּם טְרֶעפְן. דָאס שְׁטִילְקֵייט הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן און אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן מַצָּב אִין וֶועלְכֶע מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דִי מִירוֹנְ׳עֶר אֵיינְוואוֹינֶער הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶענוּג אָפְּוואוּנְדֶערְן דֶערְזֶעעֶנְדִיג דִי גֶעסְט. זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אַז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען שׁוֹין דָא גֶעוֶוען אוֹיךְ דִי סְפַארְדִישֶׁע אִידְן וֶועלְכֶע קוּמֶען שׁוֹין פוּן נָאךְ פֶּסַח - ווִי זֵייעֶר מִנְהָג אִיז – הָאבְּן פַארְלָאזְט דָאס אָרְט הֶערְנְדִיג אִיבֶּער דֶער שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה צוּשְׁטַאנְד.

יֶענֶעם יָאר אִיז ל״ג בָּעֹמֶר אוֹיסְגֶעפַאלְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת. זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דָאנֶערְשְׁטָאג. ר׳ שְׁמוּאֵל אִיז גְלַייךְ אַרִיבֶּער צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן און פַארְבְּרֶענְגְט דָארְט מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא. פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן שַׁבָּת. רֶבִּי שְׁמוּאֵל הָאט גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע עִנְיָנִים בַּיים אָנְגְרֵייטְן דִי מַאַכְלֵי שַׁבָּת. עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת אָנְגְרֵייטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלַיי פִישׁ טְרָאץ זַיין גְרוֹיס אָרִימְקַייט. זַיין פָּנִים פְלֶעגְט שַׁיינֶען מִיט אַ שַׁיינֶענְדִיגֶע לִיכְט, וֶוען עֶר רוּפְט אוֹיס יֶעדֶע פָאר מִינוּט: ״לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ! לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ!״

דִי שַׁבָּת מַלְכָּה הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִירֶע פְלִיגְלֶען אִיבֶּער דִי מִירוֹנְ׳עֶר בֶּערְג. דִי לִיכְט פוּן שַׁבָּת שַׁיינְט אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי אֵיינְצֶעלֶע פַארְבְּלִיבֶּענֶע וָואס רוּעֶן אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן בַּארְג. עֶס הֶערְשְׁט גָאר אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶעם אַטְמָאסְפֶער, אַ גֵייסְט פוּן ״וְגִילוּ בִּרְעָדָה״. אַ שִׂמְחָה מִיט פְרֵייד פוּן אֵיין זַייט, און פוּן צְוֵוייטְן זַייט אַ הִתְעוֹרְרוּת און תְּשׁוּבָה.

דֶער הֵיכָל פוּן צִיּוּן אִיז גֶעוֶוען כִּמְעַט לֵיידִיג פוּן מֶענְטְשְׁן. דֶער שַׁבָּת אִיז אַרִיבֶּער גַאנְץ שְׁטִיל און רוּאִיג אָן קַיין עֶקְסְטֶערֶע גֶעשֶׁעעֶנִישְׁן. אָבֶּער אִינְמִיטְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זֶענֶען דִי שְׁכֵנִים אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין מְעָרָה און דֶערְצֵיילְט מִיט שְׁרֶעק אַז דֶער מַצָּב הָאט זִיךְ פַארְעֶרְגֶערְט, מֶען בֶּעט פוּן אַלֶע אֵיינְוואוֹינֶער זֵיי זָאלְן גְרָאבְּן גְרִיבֶּער זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאהַאלְטְן פוּן דִי רַאקֶעטְן וֶועלְכֶע קוּמֶען צוּ פְלִיעֶן.

ר׳ שְׁמוּאֵל פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט. עֶר וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אָדֶער אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי נַייעֶס. עֶר בַּארוּאִיגְט אַלֶע אַרוּמִיגֶע: ״כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחָק, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן״. אַזוֹי בַּאגִיסְט עֶר אַלֶעמֶען מִיט רֵייד פוּן אֱמוּנָה און חִזּוּק וָואס הָאט זֵיי גֶעטְרֵייסְט און גֶעגֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל פוּן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז אָנְגְעקוּמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער טָאג ל״ג בָּעֹמֶר אִיז אַרַיינְגְעקוּמֶען אִין דֶער וֶועלְט, דִי אִידְן גְרֵייטְן זִיךְ צוּ אַ קַארְגֶע מִנְיָן מַעֲרִיב אוּן צוּ דֶער הַדְלָקָה. דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע כְּלֵי זֶמֶר פוּן אַלֶע יָארְן זֶענֶען פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, נִישְׁט גֶעוֶוען. וֶוער וֶועט דֶערְהֵייבְּן אוּן לֶעבֶּעדִיג מַאכְן דֶעם מַעֲמָד? דִי קְלֵיין הַייפֶעלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט אַלֶע סָארְטְן שִׂמְחָה, זֵיי הָאבְּן גֶעטַאנְצְן גֶעזִינְגֶען! אוּן מוּזִיק? מֶען הָאט גֶענוּמֶען בְּלֶעכֶענֶע קָאנְזֶערְוְון פִּישְׁקֶעס אוּן גֶעפּוּיקְט...

דוּרְכְאוּיס דֶעם טָאג הָאבְּן זֵיי פַארְגָאסְן טְרֶערְן מִיט הֵייסֶע תְּפִלּוֹת, גֶעשָׁאקְלְט דִי הִימְלֶען מִיט גֶעשְׁרֵייעֶן צוּם שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל עֶר זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן שׁוֹינֶען אוֹיף דִי שְׁאֵרִית הַפְּלֵיטָה.

רֶבִּי שְׁמוּאֵל הָאט פַארבְּרֶענְגְט רוֹב צַייט אִין מְעָרָה פוּן ר׳ שִׁמְעוֹן אַזוֹי וִוי עֶר פִירְט זִיךְ אַלֶע יָארְן. בַּיי דֶעם מַעֲמַד הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפִינֶען נָאךְ אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד וֶועלְכֶער הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז ווִיבַּאלְד דֶער צִיּוּן אִיז כִּמְעַט וִוי לֵיידִיג, אִיז אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהַייט דוּרְכְפִירְן דֶעם סְפֶּעצִיעֶלְן אַלְטְן סְגוּלָה צוּ מְבַטֵל זַיין שְׁוֶוערֶע גְזֵרוֹת: אַרוּמְגֵיין דֶעם צִיּוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר זָאגְנְדִיג סְפֶּעצִיעֶלֶע פְּסוּקִים אוּן שׁוֹפָר בְּלָאזְן.

דֶער צִבּוּר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן. מֶען אִיז עֶטְלִיכֶע מָאל אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען דִי הֵיילִיגֶע צִיּוּנִים. נָאךְ יֶעדֶע הַקָּפָה הָאט מֶען זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעבְּלָאזְן מִיט דִי שׁוֹפְרוֹת, וֶוען ר׳ שְׁמוּאֵל רוּפְט אוֹיס דֶעם פָּסוּק מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל: "וְכִי תָבוֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם עַל הַצַּר הַצּוֹרֵר אֶתְכֶם וַהֲרֵעֹתֶם בַּחֲצֹצְרוֹת וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם וְנוֹשַׁעְתֶּם מֵאֹיְבֵיכֶם", אוּן דֶער צִבּוּר חַזֶר׳ט אִיבֶּער דֶעם פָּסוּק נָאךְ אִים מִיט הוֹיכֶע גֶעשְׁרֵייעֶן.

זוּנְטָאג אָוונְט: דִי רֶעבֶּיצִין רָאזֶענְפֶעלְד אִיז זֵייעֶר אָנְגְעצוֹיגְן. זִי הָאט גֶעהֶערְט אַ שְׁמוּעָה אַז דִי לֶעצְטֶע בָּאס קַיין יְרוּשָׁלַיִם שְׁטֵייט שׁוֹין גְרֵייט אַרוֹיסְצוּפָארְן פוּן חֵיפָה. אָבֶּער וואוּ אִיז אִיר טַאטֶע? עֶנְדְלִיךְ הָאט זִי אִים גֶעטְרָאפְן. זִי דֶערְצֵיילְט אִים אִיבֶּער דִי לֶעצְטֶע אַנְטְוויקְלוּנְג אָבֶּער רֶבִּי שְׁמוּאֵל וֶוערְט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען.

"ל״ג בָּעֹמֶר הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט", טַעֲנָה׳ט עֶר... ר׳ שְׁמוּאֵל ווִיל נָאכְנִישְׁט פַארְלָאזְן דָאס אָרְט!

"אָבֶּער טַאטֶע! ס׳הֶערְשְׁט אַ סַכָּנָה! מֶען קֶען נִישְׁט ווִיסְן וָואס דִי קוּמֶענְדִיגֶע מִינוּט קֶען בְּרֶענְגֶען. יֶעדֶע מִינוּט קֶען אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מִלְחָמָה. מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן שְׁטוּב," זָאגְט זִי פַארְוֶוייטָאגְט.

אוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל הָאט בְּלֵית בְּרֵירָה מַסְכִּים זִיךְ צוּ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן הֵיילִיגְן צִיּוּן.

עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס. דוּרְכְאוּיס דֶעם גַאנְצְן נְסִיעָה אִיז עֶר גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה. "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מִיר הָאבְּן גֶע׳פּוֹעֶל׳ט בַּיי ר׳ שִׁמְעוֹן!" זָאגְט עֶר מִיט אַ שַׁיינֶענְדִיגֶע פָּנִים. אַלֶע רַייזְנְדֶע רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ מִיט אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, אָבֶּער ר׳ שְׁמוּאֵל הֶערְט גָארְנִישְׁט אוּן וֵוייסְט גָארְנִישְׁט. עֶר חַזֶר׳ט נָאר אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער, "בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן גֶע׳פּוֹעֶל׳ט בַּיי ר׳ שִׁמְעוֹן", וֶוען עֶר לֵייגְט צוּ מִיט אַ זִיכֶערְן בִּטָחוֹן אַז אִין זְכוּת פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי וֶועט כְּלַל יִשְׂרָאֵל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן!

מען דארף צולייגן דאס הארץ צוהערן דאס קול, כאטש צו ׳וועלן און בענקן׳ צו השם יתברך, ווייל אפילו די רצון איז גאר טייער ביים אויבערשטן.

זייער עיקר חסרון איז געווען אז "ולא הלכו בה – שלא ברכו בתורה תחלה". די אידן זענען זיכער נישט אראפגעפאלן אין עבירות און אראפגעווארפן דער עול אויף איינמאל, זיי האבן זיכער נאכן חורבן נאך געלערנט אביסל, אבער זיי האבן זיך נישט געפרייט מיט די תורה צו דאנקן און לויבן שטענדיג השם יתברך אויף די געוואלדיגע חסדים אז ער האט אונז אויסדערוועלט פון אלע פעלקער און מיר האבן באקומען א באהאלטענע אוצר דאס איז די הייליגע תורה - אונזער לעבן, וואס דערפאר זאגן מיר די ברכת התורה זיך צו פרייען אויף אונזער זיסער חלק און גורל וואס מיר האבן געוואונען.

דערפאר דארף מען זייער נזהר זיין מיט ברכת התורה, אפילו אויב א איד איז זייער שטארק דערוויטערט געווארן דארף ער נאכאלץ זיין געוואוינט צו דאנקן דעם באשעפער אויף די ביסעלע נקודות טובות וואס ער פארמאגט נאך, די ביסעלע תורה און דיבורים וואס ער רעדט נאך צום באשעפער.

יעדער פון אונז זאל זיך שטארקן מיט עפעס א קליין נקודה וואס ער קען. מיר זענען דאך ברסלבע חסידים וואס דער הייליגער רבי האט געוואלט מיר זאלן לעבן מיט א חשבון הנפש יעדן איינציגן טאג, לאמיר זיך מאכן א ישוב הדעת און נעמען אויף זיך א קבלה וואס קען אונז דערנענטערן צום אויבערשטן, אפילו עס קוקט אויס גאנץ קליין וועלן מיר זיין שטארק מיט דעם קבלה און מתפלל זיין אויף דעם.

און מיט דעם וואונדערליכן וועג פון דאנקן אויף די ביסעלע וועט מען קענען זיך צוריקקערן צום באשעפער, צו אונזער הייליג לאנד און צום בית המקדש וואס וועט במהרה געבויט ווערן אמן.

דעם שבת ענדיגט מען סדר ויקרא, אלע שרייען חזק חזק ונתחזק! מיט׳ן כח פון רבי שמעון וועלן מיר האלטן א שבת נאך ל״ג בעמר, ביז דריי טעג נאכן הלולא איז נאך דא די השפעות, בפרט רבי שמעון וואס ער איז דאך א בחינה פון שבת. זיין כח און זיין צדקות זאל אונז ביישטיין צו ווערן געבענטשט מיט אלע ברכות און השפעות. אן עקסטערן מזל טוב וואונטשן מיר פאר אלע חאלאקע אינגלעך.

אנטוויקלונג - אויסגעארבעט, מאכן פארשריט,
ריידנדע - נוסעים, מיטפארער
צושטאנד, מצב
ספעציעלע, באזונדערע
וואו אימער - איבעראל, אומעטום
אומעטום - איבעראל

אידיש, אידיש אידיש,
אז מען רעדט,
רעדט מען אידיש...
געכליפעט - שטארק געוויינט



### לְהִתְוַדֵּעַ וּלְהִגָּלוֹת

אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע [פְּשׁוּטֶ'ע] מַעֲשִׂיוֹת"!

וָוארְן דִי 'מַעֲשִׂיוֹת' וָואס אִין דֶעם סֵפֶר שְׁטֵייעֶן, הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק דֶער קְדוֹשׁ־עֶלְיוֹן, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי ר' נַחְמָן זֵכֶר־צַדִּיק־לִבְרָכָה, זַיין זְכוּת זָאל אוּנְז בַּיישְׁטֵיין. זַיין כַּוָּנָה אִיז גֶעוֶוען אוּנְז צוּ לֶערְנֶען: "וְוִיאַזוֹי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ דִינֶען"!

אוּן הַלְוַאי מִיר זָאלְן פַארְשְׁטֵיין: דִי 'גְרוֹסֶע סוֹדוֹת', אוּן דֶעם 'מוּסָר', וָואס עֶס שְׁטֶעקְט אִין דִי 'מַעֲשִׂיוֹת' – וֶועלְן מִיר זַיין פְרוּמֶע יוּדְן, אַזוֹי־וִוי מֶען דַארְף צוּ זַיין! אוּן 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' וֶועט אוּנְז שִׁיקְן דֶעם 'גוֹאֵל־צֶדֶק', בַּאלְד אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן!

**א גוט שבת**

## להתוודע ולהגלות - די ערשטע הקדמה (אויף לשה"ק)

**א. וויאזוי רופט רבי נתן יעדע ווארט פון די מעשיות?** (להתוודע ולהגלות)
- ☐ טהור
- ☐ קודש
- ☐ קודש קדשים

**ב. וואס האט דער רבי געזאגט ? ער וויל דרוקן א ספר פון מעשיות וואס זאל זיין?** (הקדמה אויף אידיש)
- ☐ אויבן אויף לשה"ק אונטן אויף טייטש
- ☐ אויבן אויף טייטש אונטן אויף לשה"ק
- ☐ נאר אויף לשה"ק

**ג. וואס האט דער רבי געזאגט אויף די מעשיות?**
- ☐ אז יעדע ענין פון די מעשיות האט א כוונה עצומה
- ☐ אז יעדע ווארט פון די מעשיות האט א כוונה עצומה
- ☐ אז יעדע מעשה פון די מעשיות האט א כוונה עצומה

**ד. וואס נאך האט דער רבי געזאגט אויף די מעשיות?**
- ☐ אז ס'איז ראוי עס צו דרשנ'ען ברבים
- ☐ אז ס'איז ראוי אויפצושטיין אין ביהמ"ד פארלערנען די מעשיות
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואספארא התעוררות באקומט מען פון די מעשיות?**
- ☐ זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטן און עוסק זיין נאר אין תורה אין עבודה
- ☐ זיך אוועקבייגן פון נארישקייטן פון דער וועלט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וויאזוי שרייבט זיך רבי נתן אונטער?**
- ☐ הלא כה דברי הכותב והמסדר
- ☐ הלא כה דברי הכותב והמסדר והמעתיק
- ☐ הלא כה דברי הכותב והמעתיק

**ז. וואס איז דער נאמען פון דער טאטע פון רבי נתן?**
- ☐ מוהר"ר נפתלי
- ☐ מוהר"ר נפתלי צבי
- ☐ מוהר"ר נפתלי הערץ

**ח. אוואו האט רבי נתן געוואוינט בשעת ווען ער האט געשריבן די הקדמה?**
- ☐ ברסלב
- ☐ אומן
- ☐ נעמירוב

**ט. וואס איז דער נאמען פון דער שווער פון רבי נתן, און אוואו איז ער געווען רב?**
- ☐ ר' נפתלי הערץ - אב"ד קרעמיניץ והגליל
- ☐ ר' דוד צבי - אב"ד שאריגראד ומאהליב והגלילות
- ☐ ר' דוד צבי - אב"ד קרעמיניץ והגליל שאריגראד ומאהליב והגלילות

**י. זענען די מעשיות נייע?**
- ☐ אלע זענען אינגאנצן ניי
- ☐ אלע זענען מעשיות וואס די וועלט דערציילט נאר די רבי האט עס פאררעכטן
- ☐ רוב זענען אינגאנצן ניי, נאר איינע אדער צוויי זענען וואס די וועלט דערציילט נאר די רבי האט עס פאררעכטן

**יא. וואס האט דער רבי געזאגט ווען ער האט אנגעהויבן דערציילן די מעשיות?**
- ☐ איך וועל שוין אנהויבן מעשיות צו דערציילן
- ☐ איך וועל דערציילן א מעשה
- ☐ איך וועל דערציילן די מעשיות

**יב. וואס איז דא אין די מעשיות אפ' על פי פשוט?**
- ☐ אביסל התעוררות צו עבודת השי"ת
- ☐ א גרוסע התעוררות צו עבודת השי"ת
- ☐ זייער זייער א גרוסע התעוררות צו עבודת השי"ת

**יג. שאלת זכות: אויף וועלכע ספרים האט רבי נתן געזאגט אז דער זאגן אליין, איז מסוגל פאר די נשמה אזוי ווי צו זאגן די זוהר הק' און די תיקונים?** (עין בכוכבי אור, אנשי מוהר"ן ערך מוהרנ"ת אות כ"ז)
- ☐ ליקוטי מוהר"ן, ספר המידות
- ☐ סיפורי מעשיות, שיחות הר"ן
- ☐ ליקוטי מוהר"ן, ספר המידות, סיפורי מעשיות, און זיינע שיחות

**יד. שאלת זכות: אין וועלכע טעג זאגט אונז רבי נתן אז ס'איז א מצוה צו זאגן די אלע ספרים פון אנהייב ביז'ן סוף און ס'העלפט זייער זייער?** (עין בכוכבי אור, אנשי מוהר"ן אות כ"ז)
- ☐ אין די טעג פון ספירה
- ☐ אין טעג פון בין המצרים
- ☐ אין די הייליגע טעג פון אלול

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095** 1-518-329-9149

בעז"ה, טייערע ברסלב'ע אינגלעך

# מַתְחִילִים
# סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ
# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

קִינְדֶער, אַייךְ זֶענֶען גְרֵייט צוּם הַתְחָלָה ?! מֶען לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס זוּכְן דִי פַּארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ ! אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען אִיר גֶעפִינֶען...

דעם רבינ'ס ליקט

02-5-3333-72

דעם רבינ'ס מעשיות

